**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/3/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארברייטערטע הילף פאר איינקונפט-בארעכטיגטע מעדיקעיר באקומער

***צוטריט צום ניי-פארברייטערטן מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם בענעפיטן צו שפארן באקומער אן אפגעשאצטע דורכשניט פון 7,000 יערליך אנגעהויבן אין 2023***

***אביעקטיוו גאנץ-סטעיט׳יגע העלט אינשורענס בארא‏טונגס פראגראם צו באקומען צו העלפן און אונטערזוכן באקומער במשך מעדיקעיר׳ס אפענע איינשרייבונג צווישן יעצט און דעצעמבער 7***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן אז מער ניו יארקער וועלן זיין בארעכטיגט פאר מער פינאנציעלע הילף אין 2023 דורך דעם ניי-פארברייטערטן מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם. דורכגעפירט אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, וועלן די געהעכערטע איינקונפט בארעכטיגקייט באגרעניצונגען העלפן עלטערע מענטשן און יחידים מיט דיסאַביליטיס באצאלונג פאר העלטקעיר אויסגאבן, וואס איז אפגעשאצט זיי צו שפארן א דורכשניט פון 7,000 יערליך.

״מיר האבן א חיוב צו העלפן עלטערע מענטשן און יחידים מיט דיסאַביליטיס זיך צו עלטערן אינערהאלב זייער קאמיוניטי מיט זעלבסט-עהרע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דורך פארברייטערן בארעכטיגקייט פאר דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם, קענען מיר פארזיכערן אז א גרעסערער צאל פון די ניו יארקער זענען נישט באלאסטיגט מיט די הוצאות פון העלטקעיר. איך מוטיג אלע בארעכטיגטע באקומער זיך צו ווענדן פאר דעם פראגראם כדי צו קענען שפארן געלט און פארבעסערן זייערע העלטקעיר דעקונג.״

אנגעהויבן אין יאנואר, וועלן די חודש׳ליכע איינקונפט בארעכטיגקייט באגרעניצונגען פאר דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם וועט געהעכערט ווערן צו אן אפגעשאצטע 2,107 דאלער פאר א יחיד און 2,839 דאלער פאר א פּאָר, לויט דעם 2022 פעדעראלן ארעמקייט שטאפל. ניו יארקער קענען זיך ווענדן פאר דעם פראגראם לענגאויס דעם און דורכאויס אפענע איינשרייבונג, וואס האט זיך אנגעהויבן פריער דעם חודש און גיין ווייטער אן ביז דעצעמבער 7.

די פארברייטערטע הילף גייט אריין אין קראפט אין 2023, אבער אלע באקומער זאלן נאכקוקן צו זען צי זיי זענען בארעכטיגט אונטער די נייע אנווייזונגען. עמטליכע איינקונפט באגרעניצונגען וועלן גע׳אַפּדעיט ווערן נאכדעם וואס דער נייער פעדעראלער ארעמקייט שטאפל גייט אריין אין קראפט קומענדע יאר. אפשאצונגען צייגן די בענעפיטן קענען שפארן איינגעשריבענע א דורכשניט פון איבער 7,000 דאלער יערליך לויט די קאסטן פון דעם חודש׳ליכן פרעמיום און ווערד פון דעם ׳עקסטרע העלפ׳ בענעפיט, דער פעדעראלער טייל D פרעסקריפשען מעדיצין סובסידיע פראגראם.

דער מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם העלפט עלטערע איינוואוינער און מענטשן מיט דיסאַביליטיס צו וואוינען אויף באגרעניצטע איינקונפטן דורך באצאלן זייערע מעדיקעיר טייל B פרעמיומס — בערך 170 דאלער פער חודש היי-יאר און 165 דאלער פער חודש אנגעהויבן אין 2023 — און שרייבט זיי איין אויטאמאטיש אין 'עקסטרע העלפ'. די פינאנציעלע הילף קען זיין א לעבנס-מיטל פאר איינגעשריבענע, ערמעגליכן פאר זיי איינצוהאלטן זייערע מעדיקעיר דעקונג, באקומען נייטיגע אויפפאסונג און אפארדירן אנדערע געברויכן ווי עסנווארג און רענט.

הילף איז אויך צו באקומען אין יעדע קאונטי דורך דעם גאנץ-סטעיט׳יגן העלט אינשורענס אינפארמאציע, יעוץ און הילף פראגראם, וואס ווערט אנגעפירט דורך דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע. דער פראגראם טוט אנבאטן אומזיסטע און אביעקטיווע בעראטונג פאר מעדיקעיר באקומער וואס נייטיגן זיך אין הילף זיך צו ווענדן פאר דעם מעדיקעיר הילף פראגראם אדער סיי וועלכע אנדערע מעדיקעיר-פארבינדענע פראגע יעצט וואס דער פעדעראלער מעדיקעיר אפענע איינשרייבונג פעריאד איז אין קראפט.

אן ארטיגער קאונסלאר קען מען באקומען דורך רופן דעם גאנץ-סטעיט׳יגן העלפליין אויף 1-800-701-0501. אינפארמאציע איבער זיך ווענדן פאר דעם פראגראם קען אויך געפונען ווערן [אנליין](#).

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע אמטירנדע דירעקטאר גרעג אלסען האט געזאגט,** ״אינאיינעם מיט אונזער פראווידער נעטווארק פאריגעס יאר, האבן מיר ארויסגעהאלפן איבער 16,000 באקומער מיט זייער אפליקאציע פאר מעדיקעיר סעיווינגס און אנדערע איינקונפט בארעכטיגטע-פראגראמען, וואס האט זיי געהאלפן זיך שפארן איבער 48 מיליאן דאלער אין מעדיקעיר און פרעסקריפשען הוצאות. אדאנק גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו העלפן עלטערע מענטשן און יחידים מיט דיסאַביליטיס, זענען מיר גרייט צוצושטעלן נאך מער שטיצע פאר ניו יארקער וואס ראנגלען זיך מיט העלטקעיר הוצאות און אנדערע אויסגאבן.״

**מעדיקעיר רעכטן צענטער פרעזידענט פרעד ריקארדי האט געזאגט,** ״אנגעהויבן אין 2023, וועט דער היסטארישער ענדערונג העלפן באלד 300,000 מער ניו יארקער באקומען די העכסט-נייטיגע בענעפיטן וואס זיי ברויכן האבן און העלפן מיט די קאסטן פון טאג-טעגליכע לעבן. עס וועט דירעקט העכערן א בארעכטיגטע מענטש׳ס סאָושעל סעקיוריטי איינקונפט דורך באצאלן די פולע קאסטן פון דעם 'מעדיקעיר פאַרט B' פרעמיום. מעדיקעיר הערבסט אפענע איינשרייבונג איז דער צייט וואס מענטשן מיט מעדיקעיר קענען מאכן אומבאגרעניצטע ענדערונגען צו זייער דעקונג אפציעס און מיר מוטיגן יעדן צו ווערן אונטערזוכט פאר דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם און אנווענדן ווען בארעכטיגט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418